Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 26 | Łódź, Sroda, 30 Stycznia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאָדז, מיטוואָך, כ"ז שבט תרצ"ה | № 26

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

# געשטאָרבען רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס

שוין נאָכן שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די שרעקליכע ידיעה, אז ס'איז פון אונז אוועק אויף אייביג אין עלטער פון 43 יאָהר אונזער טייערער חבר, מיטגליד פון אונזער פער־לאַג און מיטרעדאַקטאָר פון אונזער „נייעם פאָלקסבלאַט" רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס.

מיר געפינען פאַר אונזער חוב מיטצוטיילן וועגן דעם שרעקליכן קלאַפּ אונזערע לעזער און דער גאַנצער יודישער באַפעלקערונג אין לאָדז.

מיר האָבן נישט נאָך די מעגליכקייט אָפּצו־שאַצן און אַרומצורעדן די אבדה, וועלכע ס'האָט געטראָפן אין דער ערשטער רייהע די משפחה פון פער־שטאָרבענעם, די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקס־בלאַט" און אַלע יודיש־קולטורעלע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאָט.

רעדאַקטאָר פוקס איז קראַנק געווען עטליכע יאָהר אויף אַ הויכן בלוט־דרוק. פונדעסטוועגן האָט מען זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטע־לען, אַז די קאַטאַסטראָפע איז אזוי נאָהענט. מיט אַ וואָך צוריק האָט דער טייערער פערשטאָרבענער באַקומען אַ מוח־פאַראַליטש און מעהר דאָס בעט נישט פערלאָזן.

ס'איז צו פריש די וואונד, דער ווערהטאָג איז צו שמערצליך, אַז מיר זאָלן קענען אין דעם שרעקליכן מאָמענט נאָך מעהר שרייבן וועגן דעם חשוב'ן און געאַכטעטן נפטר.

די לויה פון רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס וועט פאָרקומען מאָרגן, מיר וועלן וועגן דעם בעזונ־דער מיטטיילן. די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקס־בלאַט" וועט אין פערלויף פון היינטיגן טאָג שאַ־פען דעם לויה־קאָמיטעט. די געזעלשאַפטליכע אינ־סטיטוציעס, וועלכע ווילן אנטיילנעהמען אין קאָ־מיטעט דאַרפן זיך היינט מעלדן אין רעדאַקציע. דעלעגאַציעס, וועלכע ווילן אנטיילנעהמען אין דער לויה, דאַרפן מעלדן זייער אנטייל דורכ'ן טע־לעפאָן אויפ'ן נומער 71־224.

רעד. לאַזאַר פוקס איז געבוירען אין יאָהר 1892 אין מאָציעוו, וואָלין. געלערנט אין חדר און תלמוד־תורה און געענדיגט גימנאַזיע אין לאָדז, דאַן שטודירט מאַטעמאַטיק און יוריספרודענץ אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. זשורנאַליסטישע טע־טיגקייט אָנגעהויבן אַלס סטודענט אין „לאָדזער מאָרגענבלאַט", א. ר. פון ד"ר י. גאָטליב און ד"ר מוקדוני. בשעת דער מלחמה גענומען אַ טעטיגען אנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַרומגע־פאָהרען איבער דער פראָווינץ מיט פאָרלעזונגען וועגן דער יודישער שפראַך, שול און ליטעראַטור, געווען איינער פון די גרינדער פון „יודישן שול־און פאָלקס־בילדונג־פעראיין" אין לאָדז, לייטער פון פאָלקס־אוניווערזיטעט ביים „פעראיין" און לעק־טאָר פון אַלגעמיינער און יודישער ליטעראַטור, בע־אַרבייט פיל מאַטעריאַלן אין פראַגע און פערוועגן פאַר'ן געבוירן פון יודישע פאָלקס־שולן און קור־סן פאַר דערוואַקסענע, געווען אַ מיטאַרבייטער פון „לאָדזער פאָלקסבלאַט". אין יאָהר 1917 איז ער געפאָהרען קיין רוסלאַנד און דאָרט געאַרבייט אויפן געביט פון פאָלקס־בילדונג. נאָכ'ן צוריקקומען קיין פוילען 1922 קאַנדידירט ער צום סיים אויף דער ליסטע נומער 11 פון די פ"צ, בשעת דער וואַהל־קאַמפּאַניע אַרעסטירט געוואָרען אויף אַ מיטינג, גע־זעסן 4 חדשים אין טורמע און באַפרייט געוואָרען לויט אַ פסק־דין פון געריכט.

אין יאָהר 1923 ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען אונזער צייטונג „נייער פאָלקסבלאַט" איז דער פערשטאָרבענער געווען איינער פון די גרינ־דער און איז אַריינגעטרעטן אַלס מיטגליד פון רע־דאַקציע־קאָלעגיום. ער האָט געשריבן פאָליטישע אַרטיקלען א. פ. ל. פּראָנט. 1927 פערעפענטליכט ער אין דער צייטונג אַ גרויסע אַרבייט א. ט. „די, וועלכע אַזעוו האָט פעראַטען" — אויפ'ן גרונד פון אַ גרויסן מאַטעריאַל וועגן דער פּראָוואָקאַציע אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויפ'ן יודישן פּרעסע־צוזאַמענפאָהר אין ווילנע, יוני 1927, אויסגעוועהלט געוואָרען אין צענטראַל־ראַט פון דער יודישער פּראָווינץ־פּרעסע אין פוילען.

אין לאָדז געווען אין די לעצטע יאָהרען טעטיג אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, גרינ־דער און לאַנגיעהריגער פערוואַלטונגס־מיטגליד פון יודישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פעראיין, גרינדער פון דער יודישער סעקציע ביים זשורנאַליסטן־סינדיקאַט און איהר לאַנגיעהריגער פאָרזיצער, פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון יודיש־וויסענשאַפטליכן אינסטיטוט" אין לאָדז, מיטגליד אין דער וויסענשאַפטליכער סעקציע ביי דער יודישער לאַנדקענטשאַפט־געזעלשאַפט, מיט־גליד פון יודישן טעאַטער־קאָמיטעט א. אַ. וו. די טעטיגקייט פון פערשטאָרבענעם וועלן מיר נאָך אָפּשאַצן אין מאָרגענדיגן נומער.

---

היינט פאַרטאָגס איז נאָך קורצע, שווערע ליידען געשטאָרבן אונזער ליבער און טייערער מאַן, זוהן, ברודער און שוואָגער

# אליעזר (לאַזאַר) פוקס

## אין עלטער פון 43 יאָהר

די לויה קומט פאָר מאָרגן דאָנערשטאָג, דעם 31 יאַנואַר, וועגן וואָס עס טיילט מיט איז אונענדליכען צער

## די משפחה.

---

איז גרויס צער טיילן מיר מיט דער יודישער באַפעלקערונג אין לאָדז, אז היינט פאַרטאָגס איז גע־שטאָרבען אין עלטער פון 43 יאָהר דער מיטגליד פון אונזער פערלאַג, מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיום

## ב"ע

# רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס

די לויה קומט פאָר מאָרגן, דאָנערשטאָג, ד. 31 יאַנואַר 1935

## פערלאַג „נייער פאָלקסבלאַט"

